בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קט״ז

פרשת פנחס
שנת תשפ״ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

### מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת תְּרוּמָה שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן.

### אַ מְלַמֵּד בּוֹיט אוֹיף אִידִישֶׁע דוֹרוֹת

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם אַלֶע טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים, מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, מְנַהֲלִים, אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְחַנֵּךְ זַיין אוּן אוֹיפְבְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיצְן מִיט קִינְדֶער אוּן רֶעדְן צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן הֲלָכוֹת.

בִּשְׁעַת אַ מְלַמֵּד רֶעדְט צוּ קִינְדֶער זֶעט אוֹיס וִוי עֶר רֶעדְט צוּ 'טוֹיבֶּע אוֹיעֶרְן', קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז דִי וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין, אוּן מֶען בּוֹיט אוֹיף אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

### וִוי אַזוֹי דוּ זִינְגְסְט דֶעם נִיגוּן - אַזוֹי וֶועט דָאס קִינְד וֶוערְן

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה כד, ט) אוֹיפְן פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, ב) ”קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם“: ”יָכוֹל כָּמוֹנִי“ - אִיךְ וָואלְט גֶעמֵיינְט מֶען זָאל זַיין אַזוֹי הֵיילִיג וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, ”תַּלְמוּד לוֹמַר“, זָאגְט דֶער פָּסוּק, ”כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי“, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הֵיילִיגְקֵייט אִיז הֶעכֶער פוּן עֶנְקֶער הֵיילִיגְקֵייט.

אִיז דָא אַ שֵׁיין וָוארְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, זֵיי טַייטְשְׁן דֶעם מֶדְרָשׁ אַזוֹי: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער: ”קְדֹשִׁים תִּהְיוּ“ - עֶטְץ זָאלְטְס זַיין הֵיילִיג, ”יָכוֹל“ - עֶטְץ קֶענְטְס זוֹכֶה זַיין, ”כָּמוֹנִי“ - צוּ זַיין אַזוֹי וִוי מִיר! וִוי אַזוֹי? ”תַּלְמוּד“ - גֶעווּאוֹין זִיךְ צוּ, ”לוֹמַר“ - צוּ זָאגְן: ”כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי“ - ”אִיךְ בִּין הֵיילִיג!“

אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם נִיגוּן וִוי אַזוֹי מֶען זִינְגְט זִיךְ; אוֹיבּ מֶען זִינְגְט זִיךְ: ”אִיךְ בִּין הֵיילִיג“, אוּן ”דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ“, גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְן הֵיילִיג, אוּן אוֹיבּ מֶען זִינְגְט זִיךְ: ”אִיךְ בִּין נִישְׁט“, ”אִיךְ בִּין נִישְׁט“, ”אִיךְ בִּין נִישְׁט“, גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְן אַ 'נִישְׁט'.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט קִינְדֶער; אַז דוּ זִינְגְסְט פַאר אַ קִינְד: ”דוּ קֶענְסְט“, ”דוּ בִּיסְט“, ”דוּ טוֹיגְסְט“, ”דוּ בִּיסְט אַ צַדִּיק“, וֶועסְטוּ אִים מַאכְן פַאר אַ קֶענֶער, אַ טוֹיגְלִיכֶער, אוּן אַ צַדִּיק, אוּן אוֹיבּ דוּ זִינְגְסְט פַאר אַ קִינְד: ”דוּ בַּטְלָן!“ ”דוּ שׁוֹטֶה!“ וֶועסְטוּ אִים מַאכְן פַאר אַ בַּטְלָן אוּן אַ שׁוֹטֶה.

### וִוי אַזוֹי זֶענֶען אַבַּיֵי אוּן רָבָא אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַזוֹי גְרוֹיס?

עֶס אִיז דָא אַ מִשְׁנָה (בְּרָכוֹת מה.): ”שְׁלֹשָׁה שֶׁאָכְלוּ כְּאַחַת חַיָּיבִין לְזַמֵּן“, דְרֵיי בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעגֶעסְן צוּזַאמֶען, דַארְפְן זֵיי בֶּענְטְשְׁן מִיט זִמּוּן, ”וּקְטַנִּים אֵין מְזַמְּנִין עֲלֵיהֶן“, אָבֶּער אַ 'קָטָן' קֶען מֶען נִישְׁט מְצָרֵף זַיין צוּ זִמּוּן. זָאגְט דִי גְמָרָא (שָׁם מח.), רַב נַחְמָן הַאלְט: ”קָטָן הַיּוֹדֵעַ לְמִי מְבָרְכִין מְזַמְּנִין עָלָיו“, אַ קִינְד וָואס וֵוייסְט צוּ וֶועם מֶען בֶּענְטְשְׁט, קֶען מֶען שׁוֹין יָא מְצָרֵף זַיין צוּ זִמּוּן.

דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא אַ מַעֲשֶׂה: דֶער הֵיילִיגֶער רַבָּה אִיז גֶעוֶוען דֶער מְלַמֵּד פוּן אַבַּיֵי אוּן רָבָא, רַבָּה הָאט גֶעוָואלְט זֶען צִי מֶען קֶען שׁוֹין מְצָרֵף זַיין אַבַּיֵי וְרָבָא צוּ זִמּוּן, הָאט רַבָּה גֶעפְרֶעגְט זַיינֶע צְוֵויי תַּלְמִידִים - אַבַּיֵי אוּן רָבָא: ”עֶטְץ וֵוייסְטְס פַאר וֶועם מֶען בֶּענְטְשְׁט?“ זָאגְן זֵיי: ”יָא, לְרַחֲמָנָא - צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן“, פְרֶעגְט זֵיי רַבָּה: ”וואוּ וואוֹינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער?“ הָאט רָבָא גֶעוִויזְן אוֹיפְן דַאךְ, אוּן אַבַּיֵי אִיז אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן אוּן גֶעוִויזְן צוּם הִימְל, הָאט זִיךְ רַבָּה אָנְגֶערוּפְן: ”תַּרְוַייְכוּ רַבָּנַן הָוֵיתוּ - מֶען זֶעט שׁוֹין אוֹיף דִי צְוֵויי אִינְגְלֶעךְ אַז זֵיי גֵייעֶן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים!“ אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, וִוי יֶעדֶער וֵוייסְט דֶער סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי גְרוֹיס אַבַּיֵי אוּן רַבָּא זֶענֶען אוֹיסְגֶעוַואקְסְן.

### דֶער רִיכְטִיגֶער נִיגוּן

לִכְאוֹרָה אִיז דִי מַעֲשֶׂה אַ פֶּלֶא; וֶוען מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט אַבַּיֵי אוּן רָבָא: ”וואוּ וואוֹינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער?“ וָואלְטְן זֵיי גֶעדַארְפְט עֶנְטְפֶערְן אִין אֵיין וָוארְט: ”בַּשָּׁמַיִם“, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וואוֹינְט אִין הִימְל! וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם וָואס רָבָא הָאט גֶעוִויזְן אוֹיפְן דַאךְ, אוּן אַבַּיֵי אִיז אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן אוּן גֶעוִויזְן צוּם הִימְל? עֶס קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין אַז זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט וַוייזְן וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעמֶעגְט אוֹיסְרֶעדְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן דָאךְ פַארְדֶעם יָא גֶערֶעדְט גֶעהֶערִיג.

אִיז מִיר הַיינְט בֵּייגֶעפַאלְן אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְּשַׁט אִין דִי מַעֲשֶׂה. רַבָּה הָאט גֶעפְרֶעגְט אַבַּיֵי אוּן רָבָא: ”וואוּ וואוֹינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער?“ אוּן עֶר זֶעט וִוי דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף וִוי קִינְדֶער, זֵיי מַאכְן זִיךְ נַארִישׁ, רָבָא וַוייזְט אַרוֹיף צוּ דִי דַאךְ, אוּן אַבַּיֵי מַאכְט אַ גְרֶעסֶערֶע שְׁטִיק, עֶר לוֹיפְט אַרוֹיס וַוייזְן צוּם הִימְל... הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען דַארְף זֵיי גוּט מְחַנֵּךְ זַיין, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: ”מֶען זֶעט אוֹיף עֶנְק קִינְדֶערְלֶעךְ אַז עֶטְץ גֵייטְס אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים!“ עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זִינְגֶען פַאר זֵיי אַ שֵׁיינֶעם נִיגוּן, וִוי וואוֹיל אוּן חָשׁוּב זֵיי זֶענֶען, כְּדֵי זֵיי זָאלְן טַאקֶע אוֹיסְוַואקְסְן וואוֹיל אוּן חָשׁוּב. זֶעט מֶען דָא אַז וִוי אַזוֹי דוּ זִינְגְסְט דֶעם נִיגוּן פַארְן קִינְד אַזוֹי וַואקְסְט עֶר טַאקֶע אוֹיף, וַוייל זֵיי זֶענֶען טַאקֶע אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים 'אַבַּיֵי' אוּן 'רָבָא'.

### צֶעקְלַאפְּן אַ קִינְד נֶעמְט אַוֶועק זַיין 'זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט'

הַיינְט אִיז אַ וֶועלְט וָואס מֶען לֶערְנְט אוֹיס וִוי אַזוֹי מֶען קֶען בַּאקוּמֶען 'זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט' (סֶעלְף קַאנְפִידֶענְס), דִי עֵצָה צוּרִיק אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן 'זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט' אִיז דוּרְךְ 'אֱמוּנָה'. אַז דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, עֶר הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים לִיבּ, וֶוערְט עֶר זִיכֶער מִיט זִיךְ אוּן קוּקְט מֶער נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם.

אַדְרַבָּה, בְּרֶענְג מִיר אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אֵיינֶעם אוּן יֶענֶער הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט 'זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט' דוּרְךְ אַן אַנְדֶערֶע מֶעטָאד; עֶס קֶען נִישְׁט זַיין, אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט אֵיין אַז עֶר הָאט עֵצוֹת פַאר 'זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט' אִיז עֶר אַ גַנָב, אַ פָאלְנֶער לִיגְנֶער! עֶר רוּפְט דִיךְ פַאר נָאךְ אַ סֶעשָׁאן אוּן נָאךְ אַ סֶעשָׁאן אוּן עֶר קֶען דִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין 'זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט'. לָאמִיר אָבֶּער זֶען, וִוי אַזוֹי וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלַאפְּט אוּן פַארְלִירְט זַיין 'זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט'? דָאס גֶעשֶׁען דוּרְךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרוּם דֶעם קִינְד, עֶס קֶען זַיין דֶער טַאטֶע, עֶס קֶען זַיין דִי מַאמֶע, עֶס קֶען זַיין דֶער מְלַמֵּד, וָואס הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעטְרָאסְט, מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶט אוּן מֶען הָאט אִים אַלְץ חוֹשֵׁד גֶעוֶוען.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט בַּיי אַ שִׁיעוּר זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ: פוּן וֶוען אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן בִּיז עֶר הָאט חֲתוּנָה, הֶערְט עֶר אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן 'פֶערְצִיג טוֹיזְנְט מָאל' דִי וֶוערְטֶער: **"דוּ קֶענְסְט נִישְׁט", "דוּ טוֹיגְסְט נִישְׁט", "דוּ בִּיסְט נִישְׁט"**, אוּן דָאס לָאזְט אִים נָאכְדֶעם נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער, עֶס לָאזְט אִים נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אִין גֶעשֶׁעפְטְן, עֶס לָאזְט אִים נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אִין 'קִרְבַת אֱלֹקִים', צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס לָאזְט אִים נִישְׁט הָאבְּן 'שָׁלוֹם בַּיִת', וַוייל עֶר הָאט אַלְץ חֶשְׁבּוֹנוֹת, 'מֶען דַארְף מִיךְ יָא', 'מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט', 'עֶס קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין אַז מַיין וַוייבּ דַארְף מִיךְ'; עֶר קְלַאפְּט זִיךְ אוּן קְלַאפְּט זִיךְ, אוּן עֶס לָאזְט אִים נִישְׁט זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן.

## נִישְׁט אַוֶועק שְׁטוּפְּן דֶעם קִינְד וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת בִּין אִיךְ אַוֶועק גֶעפָארְן אוֹיף אַ 'שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת' מִיט אִינְגֶעלַייט וָואס הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז צֶעקְלַאפְּן קִינְדֶער נֶעמְט אַוֶועק זֵייעֶר 'זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט', הָאט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן גֶעפְרֶעגְט אַ קַשְׁיָא, וִוי אַזוֹי קֶען דֶעמָאלְט זַיין אַז פוּן אַ מִשְׁפָּחָה פוּן פִינְף קִינְדֶער זֶענֶען דָא פִיר קִינְדֶער וָואס הָאבְּן שְׁטַארְקֶע 'זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט', אוּן אֵיין קִינְד הָאט שְׁוַואכֶע 'זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט'? דִי טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן דָאךְ זִיכֶער גֶעהוֹיבְּן דִי קִינְדֶער, וִוי מֶען זֶעט פוּן דִי פִיר עֶרְשְׁטֶע בְּרִידֶער, פַארְוָואס אִיז דֶער פִיפְטֶער קִינְד אַנְדֶערְשׁ?!

הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, עֶס קֶען זִיךְ מַאכְן אֲפִילוּ בַּיי גוּטֶע חָשׁוּבֶ'עֶ עֶלְטֶערְן אַז 'בְּלֹא יוֹדְעִים' הֶערְט מֶען אוֹיס אוּן מֶען גֶעטְרוֹיט דִי שַׁארְפֶע קִינְדֶער, אוּן דֶעם אַנְדֶערְן וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען שְׁטוּפְּט מֶען אַוֶועק, **"גֵיי אִין דִי זַייט", "גֵיי אִין דִי זַייט"**, דֶערְפַאר הָאט נִישְׁט דֶער קִינְד קַיין 'זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט'.

אִיךְ אַלֵיינְס דַארְף זִיךְ צִיפְּן דִי בַּאקְן אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן אוּן אַוֶועק שְׁטוּפְּן אַ קִינְד וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען. יָארְן צוּרִיק וֶוען מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען אִינְגְלֶעךְ, פְלֶעג אִיךְ אוֹיסְרֶעכֶענֶען צוּ בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה מִיט דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה, וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ אִין חֵדֶר, אַז וֶוען זֵיי וֶועלְן אַהֵיימְקוּמֶען פוּן חֵדֶר זָאל שׁוֹין דִי סוּכָּה זַיין אוֹיפְגֶעבּוֹיט, פַארְוָואס? וַוייל אֵיין קִינְד אִיז מֶער גֶעלוּנְגֶען, עֶר קֶען אָנְכַאפְּן אַ הַאמֶער אוּן אַ זֶעג, אוּן וָואס עֶר כַאפְּט אָן קֶען עֶר גוּט בּוֹיעֶן, ווִידֶער דֶער אַנְדֶערֶער קִינְד, וָואס עֶר כַאפְּט אָן גֵייט עֶר צֶעבְּרֶעכְן, אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט זָאגְן פַאר דֶעם קִינְד: **"לָאז אָפּ, גֵיי אִין דִי זַייט"**. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם.

## אַ גוּטֶע פָּאזִיצְיֶע פַאר יֶעדְן קִינְד

מְלַמְּדִים דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע חָכְמָה, צוּ כַאפְּן אַ גוּטֶע פָּאזִיצְיֶע (אוֹיפְגַאבֶּע) פַאר יֶעדְן קִינְד וואוּ דֶער קִינְד קֶען מַצְלִיחַ זַיין, מֶען זָאל קֶענֶען זִינְגֶען פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן קִינְד אַ גוּטֶע נִיגוּן.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דֶער קִינְד וָואס פַארְשְׁטֵייט דִי גְמָרָא, פַאר אִים קֶען מֶען זִינְגֶען: **"אַ מְחַיֶה צוּ זֶען וִוי גוּט דוּ קֶענְסְט גְמָרָא"**, דֶער קִינְד וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַזוֹי גוּט דִי גְמָרָא, עֶס וֶוערְט אִים בִּיטֶער בַּיי דִי גְמָרָא, דַארְף מֶען אִים נִישְׁט פַּיינִיגְן אוּן צֶעקְרַאצְן זַיינֶע קִישְׁקֶעס, אִים קֶען מֶען מְכַבֵּד זַיין צוּ הֶעלְפְן אוֹיסְטֵיילְן דִי עֶסְן, אוּן אִים זִינְגֶען: **"אַ מְחַיֶה צוּ זֶען וִוי שֵׁיין דוּ הֶעלְפְסְט טֵיילְן דִי עֶסְן"**.

עֶס זֶענֶען דָאךְ דָא אַזוֹיפִיל אוֹיפְגַאבֶּעס וָואס מֶען קֶען מְכַבֵּד זַיין קִינְדֶער, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד מֶען זָאל עֶס נִישְׁט אֵיינְטֵיילְן צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער. אֵיין קִינְד קֶען זַיין גַבְּאַי בַּיי אַ 'קְרִיאַת שְׁמַע לֵיינֶען', אֵיין קִינְד קֶען זַיין גַבְּאַי אוֹיסְצוּטֵיילְן דִי בֶּענְטְשֶׁערְס, אוּן מֶען קֶען פְרֶעגְן דֶעם מֶענֶעדְזְשֶׁער אוֹיבּ עֶר קֶען נִיצְן הִילְף פוּן דִי קִינְדֶער; אֵיין קִינְד קֶען הֶעלְפְן אוֹיפְרוֹימֶען, אוּן אֵיין קִינְד קֶען לֵייגְן פַּאפִּיר אִין בֵּית הַכִּסֵא, אַזוֹי קֶען מֶען גֶעבְּן פַאר יֶעדְן אַ שְׁטֶעלֶע וואוּ עֶר זָאל בַּאקוּמֶען זַיין כָּבוֹד אוּן גוּט וָוארְט.

## הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן אַז 'אַלֶע' קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ שְׁמֵייכְל

דֶער נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז דִי אוֹיגְן גֵייט צוּ דִי בַּא'חֵנְ'טֶע גֶעשְׁמַאקֶע קִינְדֶער, אוּן צוּ דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן שַׁארְפֶע קֶעפּ; עֶס אִיז פָּשׁוּט גֶעשְׁמַאק צוּ זִיצְן נֶעבְּן זֵיי. דָאס גֶעשֶׁעט אוֹיטָאמַאטִישׁ אוּן אוּמְוִוילְנְדִיג, אוּן אִיךְ אַלֵיין קְלַאפּ אוֹיף דֶעם **"סְלַח לָנוּ"**, אוּן מִיר אַלֶע דַארְפְן בֶּעטְן אוֹיף דֶעם: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זֵיי אוּנְז אַלֶע מוֹחֵל"**, וַוייל דָאס אִיז אוּמְוִוילְנְדִיג דֶער מְצִיאוּת. עֶס קֶען זַיין אַז מֶען טְרַאכְט: 'אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי', אָבֶּער אַז מֶען וֶועט אָפְּכַאפְּן מִיט אַ קֶעמְרֶע אַ טָאג אִין חֵדֶר, וֶועט מֶען זֶען וִוי אֵיינֶעם נֶעמְט מֶען אוֹיף אַזוֹי אוּן אֵיינֶעם אַזוֹי; וֶוען מֶען דַארְף הֵייסְן אַ קִינְד זִיךְ אַרָאפּ זֶעצְן, וֶועט זִיךְ עֶס וֶוענְדְן אִין דֶעם, אוֹיבּ עֶר אִיז בַּא'טַעמְ'ט, עֶר מַאכְט נִישְׁט נֶערְוֶועז, קְלַאפְּט מֶען אִים נִישְׁט, נָאר מֶען זָאגְט אִים שֵׁיין: **"זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ"**, ווִידֶער פַארְן אַנְדֶערְן זָאגְט מֶען שְׁטְרֶענְג: **"זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ!"**

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דֶעם, הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ צֶעטְל מִיט אַלֶע נֶעמֶען בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים, אוּן יֶעדְן טָאג הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען פוּן מִיר אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט. אוּן אִיךְ בֶּעט עֶס פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן אַלֶע לֶערֶערִינְס אוּן פוּנֶעם מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת, יֶעדֶער זָאל נֶעמֶען דִי לִיסְטֶע פוּן דִי קִינְדֶער אוּן זִיכֶער מַאכְן בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ עֶס זָאל אוֹיסְקוּמֶען צוּ כַאפְּן מִיט יֶעדְן אַ שְׁמוּעֶס, אָדֶער אַ שְׁפַּאצִיר, אָדֶער אַרוּמְנֶעמֶען דִי אַקְסְל, אָדֶער גֶעבְּן אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקְל.

## אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן גֶעווִאוּנֶען 'גוֹרָלוֹת'

מֶען דַארְף זֶען אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז זֵיי זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע פוּן כִּתָּה אוּן דִי נָאנְסְטֶע צוּם מְלַמֵּד, אוּן דֶער מְלַמֵּד הָאט מִיךְ לִיבּ אוּן עֶר הַאלְט פוּן מִיךְ.

מֶען דַארְף זֶען אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן גֶעווִאוּנֶען 'גוֹרָלוֹת'. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ אִינְגְל הָאבּ אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעווִאוּנֶען קַיין גוֹרָלוֹת אִין חֵדֶר, עֶס קֶען זַיין אַז מֶען הָאט סְפֶּעצִיעֶל גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל נִישְׁט גֶעווִאוּנֶען, וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ לֶעבֶּעדִיגֶער אִינְגְל. אֵיינֶע פוּן מַיינֶע רְאָיוֹת אַלְס קִינְד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, אִיז גֶעוֶוען פוּן דֶעם אַז אִיךְ גֶעווִאוּנֶען נִישְׁט קַיין גוֹרָלוֹת. אוּן עַד הַיּוֹם טוּט מִיךְ עֶס וֵוי, אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף קֵיינֶעם, אָבֶּער אִיךְ גֶעדֶענְק עֶס.

## גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער מִיט חָכְמָה

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן טֵייעֶרֶע לֶערֶערִינְס, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א', סִימָן רב), אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר קִינְדֶער. דֶערְפַאר זָאל מֶען כְּסֵדֶר אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אוֹיסְרִימֶען דִי קִינְדֶער: **"וָואוּוּ, מוֹרָא'דִיג!" "דוּ קֶענְסְט אַזוֹי שֵׁיין", "דוּ טוֹיגְסְט", "דוּ קֶענְסְט"**, אוּן זֵיי גֶעבְּן אַ גְלֶעט. אוּן וֶוען מֶען טְרֶעפְט אַ טַאטֶע אִין פָּארְנְט פוּן זַיין קִינְד, זָאל מֶען הַאלְטְן קָאפּ אוּן גֶעדֶענְקֶען צוּ זָאגְן פַארְן

## הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

טַאטְן: **"דַיין קִינְד אִיז אַזוֹי וואוּיל", "דַיין קִינְד אִיז אַ מְחַיֶה"**.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען קֶען נִישְׁט סְתַּם נֶערְוֶועז מַאכְן קִינְדֶער, מֶען דַארְף גֶעבְן דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער מִיט 'חָכְמָה', אִין דִי רִיכְטִיגֶע מִינוּט, אוּן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין קַיין 'פַאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְטְס', וַוייל 'פַאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְטְס' אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶס מַאכְט בְּרֶעכְן...

יָארְן צוּרִיק פְלֶעג אִיךְ בַּאקוּמֶען בְּרִיוְון פוּן בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת אוֹיף גֶעוִויסֶע לֶערֶערִינְס (וָואס זֶענֶען שׁוֹין הַיינְט נִישְׁט קַיין לֶערֶערִינְס), אַז זֵיי מַאכְן סְתַּם חוֹזֶק, זֵיי גֶעבְן 'פַאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְטְס', אוּן עֶס טוּט זֵיי זֵייעֶר וֵויי. אֵיין מֵיידְל הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט אַז זִי אִיז נִישְׁט דַאר, אוּן אִיר לֶערֶערִין פְלֶעגְט אִיר זָאגְן: **"וַאוּוּ, בִּיסְט אַזוֹי סְקִינִי (דַאר)"**... וָואס מַאכְסְטוּ מְשׁוּגָע? וָואס וִוילְסְטוּ פוּן מִיר? וִוילְסְט מִיךְ טְשֶׁעפֶּען? וִוילְסְט סְתַּם חוֹזֶק מַאכְן? אִיךְ בִּין אַ שׁוֹטֶה? אָדֶער דוּ בִּיסְט אַ שׁוֹטֶה? וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה דָא? מֵיידְלֶעךְ וֵוייסְן פּוּנְקְטְלִיךְ צְוִוישְׁן זִיךְ, וֶוער עֶס גֶעבְּט קָאמְפְּלִימֶענְטְס סְתַּם 'וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעהֵייסְן גֶעבְן קָאמְפְּלִימֶענְטְס', אוּן וֶוער עֶס מֵיינְט עֶס טַאקֶע.

שִׁיסְן מִיט אַ גָאן פַאלְשֶׁע זַאכְן, אִיז נָאכְאַלְץ בֶּעסֶער וִוי קְרִיטִיק, אָבֶער עֶס מַאכְט נֶערְוֶועז. רִיכְטִיג אִיז צוּ גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער מִיט הַארְץ, אוּן מִיט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער.

### אַ חִיוּב זִיךְ צוּ חַנְפָּה'נֶען צוּ תַּלְמִידִים

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה מב.), פִיר כִּיתּוֹת זֶענֶען נִישְׁט מְקַבֵּל פְּנֵי שְׁכִינָה, אֵיינֶע פוּן זֵיי אִיז 'כַּת חֲנֵיפִים', דִי וָואס חַנְפָּה'נֶען זִיךְ צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטֵייט קְלָאר פוּן דִי רִאשׁוֹנִים (סֵפֶר אוֹרְחוֹת צַדִּיקִים, שַׁעַר כ"ד, שַׁעַר הַחֲנִיפוּת), אַז עֶס זֶענֶען דָא עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מֶען מֶעג זִיךְ יָא חַנְפָּה'נֶען צוּ זֵיי, אַ רֶבִּי דַארְף חַנְפָּה'נֶען זַיין תַּלְמִיד, אַ תַּלְמִיד דַארְף חַנְפָּה'נֶען זַיין רֶבִּי, אוּן אַ מַאן דַארְף חַנְפָּה'נֶען זַיין וַוייבּ.

וַוייל דִי גַאנְצֶע פְּרָאבְּלֶעם פוּן 'חֲנוּפָה' אִיז וֶוען מֶען חַנְפָּה'עֶט זִיךְ צוּ בַּאקוּמֶען פוּן יֶענֶעם גֶעלְט, אוּן גֶעלְט קוּמְט דָאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! אָבֶּער מַאן אוּן וַוייבּ וָואס וִוילְן אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַ תַּלְמִיד וָואס דַארְף אַ רֶבִּי זָאל אִים בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַ רֶבִּי וָואס וִויל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַ חִיוּב זִיךְ צוּ חַנְפָּה'נֶען.

### מֶען מוּז זַיין צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר

נָאךְ אַ זַאךְ וִויל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן, מֶען זָאל קוּמֶען צַייטְלִיךְ. עֶטְץ זָאלְטְס וִויסְן, דִי עֶרְשְׁטֶע 'צֶען מִינוּט' פוּן טָאג אִיז מֶער וִוי אַ 'גַאנְצֶע שָׁעָה' סוֹף טָאג!

אוֹיבּ אַ מְלַמֵד דַארְף עֶפֶּעס וִויכְטִיג עֶרְלֶעדִיגְן אִינְמִיטְן טָאג, זָאל עֶר פְּרֶעגְן דֶער מְנַהֵל צִי עֶר קֶען אַהֵיימְגֵיין דְרֵיי אַזֵייגֶער, וַוייל - אִיךְ זָאג עֶנְק דֶעם אֶמֶת - פוּן דְרֵיי אַזֵייגֶער אוּן וַוייטֶער זִיצְט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער פָּשׁוּט וַוייל מֶען דַארְף זֵיי נָאךְ הַאלְטְן אַבִּיסְל, מֶען קֶען זֵיי נָאכְנִישְׁט אַהֵיים שִׁיקְן.

דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו פַאר זַיין זוּן: **"וְשָׁעָה אַחַת בִּימֵי הַבַּחֲרוּת - כְּשָׁנָה שְׁלֵמָה בִּימֵי הָעֲמִידָה חָשׁוּב"**, אֵיין שָׁעָה אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז אַזוֹי וִוי אַ גַאנְצֶע יָאר אוֹיף דֶער עֶלְטֶער; דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַזוֹי אוֹיךְ אִיז 'צֶען מִינוּט - אָנְהֵייבּ טָאג' וִוי 'אַ גַאנְצֶע שָׁעָה - סוֹף טָאג'.

מֶען מוּז זַיין צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר, נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּצִים נִישְׁט צוּ זַיין צַייטְלִיךְ, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ נָאכְגֶעלָאזְטֶער מֶענְטְשׁ.

### דַאוֶונֶען מִיט דִי זִיבְּן אַזֵייגֶער מִנְיָן

מְלַמְדִים (אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶער אַרְבֶּעטֶער) דַארְפְן דַאוֶונֶען מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע מִנְיָן, זִיבְּן אַזֵייגֶער. אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף צוּפְרִי, מֶען דַאוֶוענְט מִיט דִי זִיבְּן אַזֵייגֶער מִנְיָן, אוּן מֶען עֶסְט פְרִישְׁטָאג, קֶען מֶען זִיךְ רוּאִיג מְסַדֵר זַיין וָואס מֶען דַארְף מְסַדֵר זַיין, אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען דַאוֶוענְט שְׁפֶּעט, דֶעמָאלְט לוֹיפְט מֶען נָאךְ דִי זֵייגֶער, אוּן מֶען קוּמְט אָן מִיט בֶּהָלָה אִין חֵדֶר.

זַייטְס נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר; וֶוער עֶס וִויל דַאוֶונֶען מִיט אַ שְׁפֶּעטֶערֶע מִנְיָן, קֶען דֶעמָאלְט דַאוֶונֶען, אָבֶער אִיךְ קוּק אָן אַז מְלַמְדִים זָאלְן דַאוֶונֶען מִיט דִי זִיבְּן אַזֵייגֶער מִנְיָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אַרַיין בְּלָאזְן אַ חַיוּת אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה, אָמֵן.

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### גֶעבְן גוּטֶע זַאכְן פַאר קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן דַאוֶונֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ מְלַמֵד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה פוּן דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ מֶען דַארְף אִיבֶּערֶעדְן קִינְדֶער פוּן בְּעֶרֶךְ פִינְף יָאר אַלְט אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן דַאוֶונֶען וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען זִיסְוַוארְג אוּן גוּטֶע מַתָּנוֹת, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער דַאוֶונֶען מִיט הִתְלַהֲבוּת, אָדֶער אִיז מֶער רִיכְטִיג זֵיי צוּצוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דַאוֶונֶען נָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אָן דִי צוּקֶערְלֶעךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְלַמֵד, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּים אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל פִּיהֶם שֶׁל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא; מְלַמְדִים הַאלְטְן דִי וֶועלְט, דִי מְלַמְדִים לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

אַוַודַאי אִיז גוּט צוּ גֶעבְן גוּטֶע זַאכְן פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דַאוֶונֶען שֵׁיין, אַזוֹי גֶעוואוֹינְט מֶען זֵיי צוּ זֵיי זָאלְן דַאוֶונֶען, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועלְן זֵיי דַאוֶונֶען אָן דִי גוּטֶע זַאכְן, זֵיי וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין אַז דַאוֶונֶען אִיז לֶעבְן, תְּפִלָּה לָקֵל חַיַי. מִיר גֶעפִינֶען אִין חֲזַ"ל מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים וִוי זֵיי הָאבְן מְשַׁחֵד גֶעוֶוען תַּלְמִידִים. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.), עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ, עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט

גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַּרְדַּקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד. אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִישׁ טַאנְק, אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען - וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִישֶׁעלֶעךְ, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען"; דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין כֹּחַ, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט זַיינֶע תְּפִלּוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא מְצִיעָא פה.), רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט אַזוֹי מְשַׁחֵד גֶעוֶוען אַ זוּן פוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן אַ זוּן פוּן רֶבִּי טַרְפוֹן, עֶר הָאט זֵיי צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט צוּזָאגְן שִׁידוּכִים וְכוּ', אוּן שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שֶׁלֹּא עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרַס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיְחִי תשפ"ה)

## אִיז דָאס נָארְמַאל אַז אִיךְ דַארְף בַּאדִינֶען מַיינֶע קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

לֶעצְטְנְס בֶּעט מִיר מַיין זוּן כְּסֵדֶר אַז אִיךְ זָאל טוּן פַאר אִים זַאכְן, אוֹיפְהוֹיבְּן זַאכְן פַאר אִים פוּן דֶער עֶרְד, אָדֶער אִים בְּרֶענְגֶען אַ גְלֶעזְל וַואסֶער וֶוען עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן לֵיינֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע סָארְט זַאכְן וָואס עֶר קֶען אַלֵיין טוּן.

אִיךְ טְרַאכְט דִי גַאנְצֶע צַייט אוֹיבּ דָאס אִיז נָארְמַאל, אוֹיבּ עֶס פַּאסְט אַזוֹי צוּ טוּן, אָדֶער דַארְף אִיךְ אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט שֵׁיין צוּ בֶּעטְן פוּן אַ טַאטֶע אַזֶעלְכֶע זַאכְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, דָאס פִילְט אָן מִיט לֶעבְּן מִיט אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה? דִי תּוֹרָה זָאגְט נִישְׁט: "כַּבֵּד אֶת בִּנְךָ וְאֶת בִּתְּךָ", דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כ, יא): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ", זַיי מְכַבֵּד דַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זֵיי מְכַבֵּד זַיין, פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זֵיי בַּאדִינֶען; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג דֶער טַאטֶע זָאל בֶּעטְן דָאס קִינְד: "בְּרֶענְג מִיר אַ טְרִינְק" וְכַדוֹמֶה; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג דִי מַאמֶע זָאל הֵייסְן דִי קִינְדֶער: "הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע וֶועשׁ", "הֵייבּ אוֹיף דִי שְׁפִּילְצֵייג"; אָךְ אוּן וֵויי פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס לָאזְן דִי קִינְדֶער הֶפְקֵר'דִיג, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז זֵיי בַּאדִינֶען דִי קִינְדֶער.

זֵייעֶר אַסַאךְ מַאכְן דֶעם טָעוּת, מֶען טְרַאכְט 'עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס יֶעצְט וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין - זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין, שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי וֶועלְן גְרוֹיס וֶוערְן דֶעמָאלְט גֵיי אִיךְ זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִויאַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ'; דִי עֶלְטֶערְן כַאפְּן זִיךְ נִישְׁט, וֶוען דִי קִינְדֶער וֶוערְן גְרוֹיס אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן, דֶעמָאלְט שְׁפֵּייעֶן זֵיי דִי עֶלְטֶערְן אִין פָּנִים.

לֶערְן דַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - וֶועסְטוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כט, יז): "יַסֵּר בִּנְךָ", זֵיי מְחַנֵּךְ דַיין זוּן, "וִינִיחֶךָ", וֶועסְטוּ הָאבְּן מְנוּחָה פוּן אִים, "וְיִתֵּן מַעֲדַנִּים לְנַפְשֶׁךָ", עֶר וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען נָאר נַחַת.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן וֶועלְן נָאר דִיר דִינֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם אָן מַיינֶע פָּשׁוּט'ע תְּפִלּוֹת וָואס אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן גֶעבּ מִיר קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין דָּבוּק צוּ דִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת נֹחַ תשפ"ב)

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּים; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 /קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876